התאחדות אברכים דרבינו יואל ד'סאטמאר

# הכרזת קודש ואזהרה חמורה

שנאמרה בקול חוצב להבות אש מפום ממלל רברבן

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

במעמד אלפי ישראל לפני קריאת התורה יום א' דחג השבועות

מורי ורבותי! לא לדרשא קאתינא. איך וועל נישט מאריך זיין מיט קיין דרשות, נאר צוליב דעם חומר הענין וועל איך זאגן א פאר קורצע דיבורים.

מ'גייט יעצט ליינען בחודש השלישי, ס'שטייט אין מדרש אמר הקב"ה לישראל בני היו קורין את הפרשה הזו בכל שנה ואני מעלה עליכם כאילו אתם עומדים לפני הר סיני ומקבלין את התורה שנאמר ביום הזה באו מדבר סיני אימתי בחדש השלישי. דער רבש"ע זאגט פאר די אידישע קינדער אז איעדע יאר וואס מיר וועלן ליינען די פרשה פון קבלת התורה וועט פארעכנט ווערן ווי מיר שטייען דעמאלטס נאכאמאל ביים מעמד קבלת התורה. די פריערדיגע צדיקים האבן זוכה צו זעהן די קולות וברקים אזוי ווי ביים מעמד הר סיני, מיר זעען נישט אין הערן נישט,

אבער מיר גלייבן באמונה שלימה אין דברי חז"ל, אז יעדע יאר קומט אראפ א פרישע קבלת התורה מיט אלע השפעות דקדושה.

ביים מעמד הר סיני זאגן אונז חכמינו ז"ל (שבת פח.) ויתיצבו בתחתית ההר אמר רב אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם. דער אייבירשטער האט אויפגעהויבן דעם בארג סיני העכער די קעפ פון די אידישע קינדער, אין געזאגט, אויב זענט איר מקבל אויף אייך דעם עול התורה איז גוט, אויב נישט וועט עטץ באגראבן ווערן אונטער דעם בארג. "כפה עליהם הר" שטייט און ספה"ק אז דאס גייט ארויף אויף דעם גרויסן יצר הרע הדומה להר (סוכה נב.).

**מורי ורבותי! מיר לעבן היינט אין א מצב וואס דער יצר הרע האט אויפגעהויבן איבער אונזערע קעפ א סאך א גרעסערן בארג, א הר פון כפירה ומינות! א הר פון טומאה וזוהמה! א הר וואס זוכט אוסצורייסן די גאנצע הבדלה א יעדע זיך פון ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי. און אויב משטייט נישט על המשמר בלייבט מען חלילה באגראבן אינטער דעם בארג! "שם תהא קבורתכם!" רחמנא ליצלן מ'קען קיין יוד נישט בלייבן!.**

מ'האלט מיר שוין זייער נאנט צו די גאולה שלימה ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, האט זיך דער שטן יעצט אנגעלייגט אויף דעם כלל ישראל מיט אזא גרויסען נסיון פון דער טמא'נער אינטערנעט מיט די אלע כלים, וואס מיט דעם וויל ער צוברעכן דעם ואבדיל אתכם להיות לי! צוברעכן דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש. אוועק רייסן אידישע קינדער פון די תורה הקדושה. ביי קבלת התורה שטייט אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, דאס איז א כסדר'דיגע הוצאה יציאת מצרים אין אלע דורות, ביים הר סיני שטייט "כפה עליהם הר" דאס איז געווען דעם הר סיני דער אויבירשטער האט נישט געוואלט געבן די תורה אויף די אנדערע הרים וואס מהאט געדינט אויף דעם עבודה זרה, ליידער דער היינטיגער יצר הרע איז אסאך ערגער פון דעמאלטס ער שטייט מיט א הר פון כפירה ומינות טומאה וזומה, אויסצורייסן דאס וואס שטייט ביי מתן תורה והייתם לי סגולה מכל העמים ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. ביי יציאת מצרים שטייט אין די תורה "וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים" דרשנ'ן חז"ל (מדרש תנחומא) אין מדרש אחד מחמשה איינס פון פינעף פונם כלל ישראל זענען ארויס פון מצרים, דאס הייסט אז פונעם כלל ישראל פון די אידישע קינדער וואס האבן מיטגעליטן דעם וימררו את חייהם, וואס האבן מיטגעמאכט דעם גאנצן קישוי השבעוד מיט די עבודת הפרך אין מצרים, איז נאר איינס פון פינעף האבן זוכה געווען ארויס צו גיין אין זוכה געווען צו זיין ביים מעמד קבלת התורה, "מדארף זיך ארייטראכטן וואס דאס מיינט אחד מחמשה דאס איז צוואנציג פראצענט פונם כלל ישראל נאר זיי האבן זוכה צו קבלת התורה", די איבריגע אכטציג פראצענט אפילו זיי האבן מיטגעמאכט די צרות כמעט ביזן סוף האבן נישט זוכה געווען צו די נחמה.

מדארף צו געדענקען דער רבי זי"ע פלעגט כסדר נאכזאגן אז עס איז טאקע דא די אלע הבטחות ונחמות צום כלל ישראל אבער דאס איז א הבטחה כללי נישט קיין הבטחה פרטי פאר יעדער איינציגער יחיד קיינער האט נישט קיין הבטחה אז ער וועט זוכה צו דעם גרויסן טאג וואס דער כלל ישראל ווארט שוין און קוקט שוין אזוי ארויס דערויף.

דערפאר וויל איך דא מכריז זיין:

**קיין שום יוד טאר נישט האבן קיין שום כלי וואס איז מחובר צום אפענעם אינטערנעט! טאמער יא האט ער נישט קיין זכות צו זיין א חבר אין אונזער קהלה קדושה. קיין שום טעלעפאן טאר נישט זיין מחובר צום אינטערנעט, דאס מערסטע וואס א טעלעפאן מעג האבן איז נאר אי-מעיל, וויניגער איז בעסער, אבער לכל היותר נאר אימעיל, און אויך נאר דער וואס ברויך דאס לצורך פרנסה.**

א יעדער איינער איז מתפלל יעדן טאג א תפלה ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כלנו יודעי שמיך ולומדי תורתך לשמה

מ'דארף וויסען קלאר די אלע כלים זענען א שטער פאר די אידישע דורות,

"אז מ'וויל מגדל זיין דורות וואס זאלן זיין יודעי שמיך וויסן אז סאיז דא באשעפער אויף די וועלט, קען מען נישט מיט די אלע כלים!"

**על כן זאג איך דא, אז א שטוב וואס עס געפינט זיך די כלים איז נישט ראוי צו שיקען די קינדער אין אונזער מוסדות, און זיי וועלן נישט קענען שיקען זייערע קינדער אין אונזערע מוסדות הקדושים**

**עס ליגט א חוב אויף איעדע אידישע טאטע און איעדע אידישע מאמע, אפצוהיטן אז אין קיין שום אידישע שטוב**

מ'כאפט זיך אליין נישט, דער יצר הרע כך הוא דרכו של יצר הרע היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה, עס האט זיך אריינגעכאפט צוביסלעך, מ'האט געמיינט מ'דארף עס פאר פרנסה, צוביסלעך צוביסלעך ...ביז ליידער מ'האלט ביי לך עבוד עבודה זרה ה' ירחם.

**מ'וועט בעזרת השם אויפשטעלן א וועד פון בעלי בתים יראי השם תלמידי חכמים וואס וועלן שטיין על המשמר, אין זעהן מ'זאל מאכן די ריכטיגע שמירה. און וואס מ'דארף לצורך פרנסה וועט מען עס מיט זיי אדורך שמועסן.**

אין דעם זכות פון אוועק שטעלן די נוטיגע גדרים וסייגים וועלן מיר זוכה זיין צו דאס וואס מיר גייען זאגן, קביעין כן תהוון, בהנהו חבורתא, ותזכון די תיתבון, בעילא דרתא. אין בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה בהתרוממות קרן התורה ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן

# ברכות הקודש וחובת השעה

שזכינו לשמוע מפ"ק

# כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

**במעמד אלפי ישראל לפני ביתו נאוה קודש אצל הבאגלייטן מוצאי יו"ט שבועות**

בס"ד

א גוטע וואך, א געזונטער זומער, דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל מיר ארויסנעמען פון אזעלכע הייליגע טעג, די אלע תפלות וואס מ'האט מתפלל געווען "והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך" מ'זאל קענען ממשיך זיין אויף די אלע זמנים שפעטער, צו לערנען די תורה, די אויגן זאלן לייכטן אין די תורה הקדושה, אז מ'זאל דבוק זיין צוגעבינדען אין די תורה הקדושה, די תורה הקדושה זאל אונז משפיע זיין אלע השפעות טובות... "הכל מודים דבעצרת בעינן נמי לכם", יו"ט שבועות איז משפיע, די השפעות התורה און מיט דעם ווערט משפיע דעם לכם אלע השפעות טובות אידן זאלן האבן פרנסה בריוח.

איך האב אינזין געהאט היינט, ביים זאגן דעם יהי רצון ביי ברכת כהנים בעט מען, ס'זאל זיין פרנסינו בריוח ולא בצמצום, בהיתר ולא באיסור, בנחת ולא בצער, מ'האט אריינגעשטעלט דעם בהיתר ולא באיסור, צווישן בריוח ולא בצמצום, אז די פרנסה זאל זיין בהרוחה נישט בצמצום חלילה, און אוודאי ס'זאל זיין בנחת און נישט מיט קיין צער, איז די וועג ס'זאל זיין בהיתר ולא באיסור, אוועקצושטעלן די פרנסה ס'זאל זיין נאר בדרכי היתר, נישט מיט קיין נגיעה מיט קיין שמץ של איסור. **מ'האמיר דעם גרעסטן נסיון, וואס עס שטייט יעצט פאר אונז, פאר דעם "הנה זה עומד אחר כתלינו", משיח שטייט שוין אינטער די טיר, דאס איז דעם גרעסטן נסיון וואס מ'האט צוגעשטעלט פאר דעם גרעסטן גילוי וואס מ'וועט זוכה זיין, אין דעם נסיון וואס איז דא וואס טוט צונעמען פון אידן דעם ואבדיל אתכם מכל העמים, די אלע טעכנעלאגישע כלים.**

## א איד וויל האבן פרנסה ס'זאל זיין בריוח ולא בצמצום, ס'זאל זיין בנחת ולא בצער דארף ער זעהן ס'זאל זיין אוועקגעשטעלט בהיתר ולא באיסור, אוועקגעשטעלט מיט א ריכטיגע שמירה, מ'דארף געדענקן א שמירה אויף די אלע זאכן איז א פילטער, נישט דאס וואס גוים האבן געמאכט, ס'דארף זיין נאר אזא מין זאך וואס אידן האבן אוועקגעשטעלט, דאס איז א שמירה פאר יודן וואס פירן זיך על פי דרך התורה נאר אזוי נאר דאס קען זיין א שמירה.

מ'וועט אוועקשטעלן בקרוב א וועד פון אידן בעלי בתים, תלמידי חכמים, מומחים, וואס וועלן אוועקשטעלן און זעהן צוצושטעלן פארן ציבור מ'זאל קענען האבן א פילטער וואס ס'זאל זיין אויסגעהאלטן, אין מ'זאל קענען זיין רואיג אז מ'גייט אליין ארבעטן, צי מ'שיקט א קינד אין א פלאץ זאל מען זיין רואיג אז ס'קען זיין בהיתר ולא באיסור, און ס'וועט ברענגן ס'זאל זיין בריוח ולא בצמצום, בנחת ולא בצער.

## אין די זעלבע צייט טאקע, מ'האט גערעדט יום טוב, א טעלעפאן וואס האט מער ווי אימעיל איז אסור בתכלית צו האבן!, א איד זאל וויסן אז ער האט אזא מין טעלעפאן איז ער אנגעבינדען אין אלע טומאה וזוהמא וואס איז נאר דא אויף די וועלט. די איינציגסטע וועג צו האבן א שמירה איז נאר אויב מ'האט 'קיין שום שייכות נישט מיט אינטערנעט אויף א טעלעפאן'.

און די זכות וואס אידישע קינדער הארעווען און מ'פלאגט זיך אין מ'איז זיך מייגע מ'וויל זיין הייליג, מ'וויל זיין ריין, מ'וויל מגדל זיין, ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כלנו יודעי שמיך ולומדי תורתך לשמה, דער אייבערשטער זאל העלפן איעדער איינער וועט ארויסנעמען פון דעם יום טוב פרנסה, על פי דרך התורה ס'זאל זיין מיט אלע השפעות טובות שפע ברכה והצלחה, בבריאת השלימות געזונטערהייט מתוך שמחה ונחת כל הימים. דער אייבערשטער זאל העלפן פון דעם יום טוב זאל מען שוין ארויס גיין צו די אמת'דיגע שמחה פון דעם כלל ישראל בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

צו הערן א רעקארדירונג פון די פייערדיגע דברות קודש רופט די

**התאחדות אברכים תורה ליין אויף: 2-1 718.506.9054**